שנה ד'
נומער 165
**פרשת כי תשא - פרה**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



## שיעור התחזקות אין היכל הקודש לעיקוואר
ליל ששי תצוה

**ארטיקל:**
טרערן אין די מצוה

**צום פינטל:**
איך זיך (זוך) מיך

**פריוועט ארטיקל:**
דעם רבינ'ס מעדעניו

## תלמוד תורה היכל הקודש
ביים ציון פון
הרה"ק מריבניץ זי"ע
ד' תצוה

# קרית ברסלב בלעטל


**3** בריוו פון ליינער
הערה איפן ארטיקל "נעשה ונשמע מיט בלעכענע הויזן"



**4** צום פינטל
איך זיך (זוך) מיך



**8** משה ארי' שניצלער
טרערן אין די מצות



**11** היכל הקודש נייעס
תלמוד תורה איף א אויספלוג



**17** מיט אדער אן צדיק
א אידישע שטוב ערב שבת



**20** חכמת נשים
דעם רבינ'ס מעדעצין





רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייגצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
כי תשא י"ח אדר תשפ"ג

הדלקת הנרות.........05:41
מוצאי שבת............07:12

**מנחה מעריב ויקהל פקודי ... 07:55**

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלום פאללמאן הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

**צו זייער נייע אינגל בעבי**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 10 | 40°/26° | | Mostly Cloudy |
| Sat 11 | 35°/27° | | Snow Showers |
| Sun 12 | 37°/20° | | Snow Showers |
| Mon 13 | 31°/17° | | Partly Cloudy |
| Tue 14 | 34°/17° | | Partly Cloudy |
| Wed 15 | 34°/19° | | AM Snow Showers |
| Thu 16 | 35°/19° | | Snow Showers |
| Fri 17 | 35°/19° | | Mostly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן וכו"א



## בריוו צו די
# רעדאקציע

**הערה אויפן ארטיקל "נעשה ונשמע מיט בלעכענע הויזן"**

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל הי"ו

קודם מוז איך מיך באדאנקען פאר די הערליכע אויסגאבע וואס פארמאגט אזויפיל תוכן יעדע וואך.

איך האב געליינט די ארטיקל פון פרשת משפטים מיטן נאמען "נעשה ונשמע מיט בלעכענע הויזן" עס האט מיך זייער אינספערירט, דער שרייבער ברענגט ארויס א הערליכע נקודה, אז עס איז נישט אינטערעסאנט צו שרייען נעשה ונשמע ווען אלעס גייט כשורה, ווען עס פלאקערט, ווען מען איז דערביי, די קונץ איז אז מען קען שרייען נעשה ונשמע ווען עס גייט אלעס פארקערט, ווען עס איז דא דינים, ווען עס איז אויסגעלאשן. עס איז זייער א שטארקע חיזוק, און פארשטייט זיך אז מען דארף האבן א ראש ישיבה און א צדיק וואס זאל קענען ארייינגעבן די ריכטיגע עצות און חיזוק פאר אזא צייט וואס עס איז פינסטער און אויסגעלאשן, אז א מענטש זאל זיך נישט פארלירן און ווייטער קומען צום אייבערשטן און אויסשרייען נעשה ונשמע.

עס איז אינטערעסאנט ווייל איך האב געהאט געלערנט יענע וואך די תורה וואס ווערט געברענגט אין די ארטיקל, ליקוטי מוהר"ן סימן קט"ו, ווי דער רבי ברענגט אז די המון עם ווען זיי זענען א וואלקן בלייבן זיי פון דרויסן, אבער דער צדיק גייט דווקא אריין אינעם וואלקן ווייל ער ווייסט אז דייקא דארט באהאלט זיך דער אייבערשטער.

איך האב געטראכט נאך מער אז דאס איז געווען ביי מתן תורה, ווי עס שטייט אז די אידן זענען פארשלאפן קבלת התורה, עס איז זייער אינטערעסאנט אז אידן זאלן פארשלאפן אזא געהויבענע צייט, אבער לויט ווי עס קומט ארויס פון די אויבענדערמאנטע תורה, זעט אויס אז די אידן זענען אויפגעשטאנען צו א פארכמורעטע טאג, עס איז געווען פארוואלקנט, און עס איז געווען פינסטער, די אידן זענען געווען זיכער: אזא טאג ווי היינט, נע! עס קען נישט זיין אז מען גייט געבן די תורה אין אזא ביטערע טאג, ביז משה רבינו האט זיי געדארפט אויפוועקן און אריינברענגען אין זיי צו וויסן אז דייקא אין די טעג וואס זעט אויס פינסטער דייקא דארט זענען באהאלטן די אלע טייערע שיינע זאכן.

יישר כח פאר די בלעטל און יישר כח פאר די הערליכע ארטיקל

יעקב הלל פאראקאש - קרית ברסלב





# צום פינטל

## איך זיך (זוך) מיך

**איך זיך מיך?** אדער **איך זוך מיך?** זענען די צווי נושאים כרחוק מזרח ממערב.

די וואס רעדן אידיש מיטן אריגענאלע ליטווישן העברה, אדער מיטן אריגענאלע ירושלימער העברה ביי זיי איז די קעפל פון ארטיקל בכלל קיין ארטיקל נישט, ביי זיי, ווען מען וויל שרייבן אן ארטיקל איבער א מענטש וואס טראכט נאר פון **זיך**, קומט די קעפל זאל זיין: 'איך... זיך... מיך...' עס איז נישט דא קיין צוויי וועגן ווי עס אויסצוטייטשן, מען שרייבט עס מיט א יוד, און מען זאגט עס מיט א יוד, און איינער וואס זעט אזא קעפל פארשטייט גלייך, אז דא גייט דער שרייבער זיך באפאסן מיטן נושא פון איגאאיזים, מען גייט באשרייבן דעם וואס זעט נאר **איך**... און אמאל **זיך**... און אין ערגסטן פאל **מיך**...! ראובן זאגט פאר שמעון דו ווייסט איך בין אנדערש פון יעדעם! דו ווייסט, יעדער מיינט נאר זיך! נו? קוקט שמעון מיט בייזע בליקן אויף דעם איגאאיסט ראובן, ער וויל שוין שרייען אויף אים, אהא דו מיינסט נישט זיך? ראובן געט שנעל א ענדיג צו: איך בין אנדערש, ווייל יעדער מיינט זיך, אבער איך מיין מיך... אדער ביי די גאליציאנער גייט דאס ווארט: "יעדער מיינט זעך און איך... אנטשולדיגט יאך מיין מעך".

ווייטער ווען מען וויל שרייבן איבער איינער וואס זוכט זיך, למשל איינער זוכט זיין פלאץ, איינער דורשט, ער זוכט זיין נשמה, קומט דער קעפל מיט אן אנדערע ספעל׳ינג (איות בלע"ז) 'איך **זוך** מיך', מיט א וואו, אבער ס'רוב פון אונזערע ליינער זענען פונעם אונגארישן-רומעניש-גאליציאנישער אפשטאם, ווי מען האט געמאכט א מישמאש פון אלעס, און עס איז נישט דא קיין **איי** און קיין **עי**, און עס איז נישט דא קיין **זיך** און קיין **זוך** אלעס איז אי. אבער אפילו די טשאלמישער (צ'למישר בלע"ז) ליינער דארפן זיך נישט פילן געטראפן, מיר טוען זיי נישט דיסקרימענירן מיטן קעפל, ווייל אפילו זיי וואס זיי רעדן יא **וואס דאס** (מיט א אפענע קמץ) און פאר **זיך** וועלן זיי ארויסזאגן **זוך** אנדערש פון זיך, פארשטייען זיי אויך אז דער אמעריקאנישער שרייבער זענען פונעם אויבענדערמאנטער חדר וואס ביי זיי לייגט מען נישט קיין דגוש אויף קיין דקדוק, וועט דער אינטרעסאנטער קעפל אויך ארויסרופן ווינדער ביי זיי, אלע ווילן וויסן וואס דער קעפל גייט ארויסברענגען!

אבער ווער קען דען וויסן אפשר וועט נאך דער פאכמאנישער שרייבער מאכן פון דעם א שווערע צוזאמען שטעל... איז לאמיר זיך אנשפיצן אלע חושים און זען און וועלכע דורעקציע מיר פארן דא?

***

דאס דארף מען וויסן זייער קלאר אז עס איז ווייט נישט דערפאר ווייל עס איז נישט געווען גענוג גאלד ביים מלאכת המשכן וואס וועגן דעם האט מען געמוזט מאכן דעם ארון פון דריי באזונדערע קעסטלעך, נעמליך דער ערשטע קעסטל וואס איז דער דרויסענדיגער איז געמאכט

געווארן אינגאנצן פון זהב טהור ריין גאלד, ווייטער די צווייטער קעסטל איז געמאכט געווארן פון עצי שיטים טענער האלץ, און נאכדעם די דריטער קעסטל איז ווידער פון ריין גאלד.

סאו דער ארון - ווי מיר אלע האבן געלערנט אין חדר - איז צוזאמענגעשטעלט געווארן פון דריי באזונדערע ארונות, איינס אריין אינעם צווייטן, דאס ערשטע איז א גאלדענע ארון, אריין אין דעם האט מען דערנאך אריינגעלייגט א קלענערע ארון וואס איז געווען געמאכט פון האלץ, דערנאך איז אריין א דריטער ארון וואס דאס איז געווען די לעצטע ארון, וואס אין דעם איז געליגן די לוחות, דאס איז געווען נאך קלענער דאס איז ווייטער געווען געמאכט פון גאלד, ווען איינער האט אנגעקוקט דעם גאנצן געשטעל פונעם ארון - און נישט געלערנט ווי אזוי עס איז געווארן צאמגעשטעלט - וואלט אין וויסטן חלום נישט געקענט טראכטן אז דא איז דא אינדערצווישן א קאסטן פון האלץ, אפילו אויב די דעקל פונעם ארון וואלט געווען אפען, און דער זאל קוקן פון אויבן אויפן ארון, וואלט ער אויך נישט געקעט באמערקן קיין שום האלץ, ווייל עס איז געווען א לייסטל פון גאלד וואס האט באדעקט ארינגס און ארום דעם אויבערשטע חלק פון ארון.

יעצט אז מיר ווייסן דאס, ווינדערט עס יעדעם איינעם, פארוואס טאקע האט אויסגעפעלט די דריי ארונות איינס אינעם אנדערן, פארוואס האט מען געמוזט מאכן דער מיטלסטער פון האלץ, דאס איז זיכער אז עס האט נישט געפעלט קיין גאלד ביי די מלאכת המשכן, מען מוז זאגן אז עס ליגט אין דעם א ענין אז דאס איז געווען רצון השם אז אזוי - און נאר אזוי - זאל זיין געמאכט דעם ארון - וואס אינעווייניג ליגט דער הארץ פון יעדער איד - די לוחות הברית, די הייליגע תורה וואס דאס מאכט אונז פאר א פאלק.

***

מיר הערן כסדר די ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א ביי די שיעורים:

אפילו די קענסט נאכנישט פועלן ביי דיר אוועקציווארפן דיין שמוץ, מיט דעם אלעם, זאג: באשעפער איך וויל זיין גוט, איך וויל נישט קוקן קיין שלעכטע זאכן, איך וויל אוועקווארפן די אלע זאכן וואס אויף דעם קען מען זען שלעכטע זאכן.

אפילו מען האלט נישט ביי צניעות, אפילו איידער מען האט זיך געהאדעוועט אין פלעצער ווי מען האט אריין געלייגט די ענין פון איידלקייט מיט א גיפט, און דאס מאכט אז מען זאל פיינט האבן צו גיין איידל



אנגעטון, זאגט אונז דער ראש ישיבה מיט דעם אלעם זאג פארן אייבערשטן איך וויל גיין אנגעטון איידל.

אפילו דו ביסט ווייט פון תורה אפילו די האסט נישט קיין געדולד דו ווילסט נישט לערנען, אדער די האסט באקומען די גמרא מיט בזיונות, מיט שפיכות דמים, און דו האסט ליידער פיינט די גמרא, זאג ארויס די ווערטער צום אייבערשטן: איך וויל אזוי שטארק לערנען איך וויל אויך זוכה זיין צו לערנען תורה.

אזעלכע, און ענליכע ווערטער זענען מיר געוואוינט צו הערן פונעם ראש ישיבה ביי די שיערים און אין די בריוו.

די ווערטער קענען אמאל צימישן א מענטש, א מענטש קען טראכטן צו זיך עס איז דאך נישט אמת, וויל איך דען, איך וויל דאך נישט! וויל איך דען גיין איידל אנגעטון, איך וויל דאך נישט, איך זאג איך האב ליב צניעות אין די צייט וואס איך האב עס פיינט, איך זאג אז איך האב ליב די וועג פון די תורה אין די צייט וואס עס איז נישט אמת, איך זאג פארן אייבערשטן איך וויל נישט קוקן קיין נישט איידעלע זאכן, איך עקל מיך דערפון, איך פיל מיך ווי א טו פעיסער (דו פרצופי בלע"ז), עקל איך מיך דען דערפון? איך האב דאך עס אזוי שטארק ליב, ווען איך עקל מיך דערפון וואלט איך שוין געטראפן א וועג ווי אזוי פטור צו ווערן דערפון, איך עקל מיך בכלל נישט דערפון, איך וויל נישט זאגן הויך ווייל מען גייט מיך ארויסווארפן פון בית המדרש אבער... שששש... איך האב עס ליב.

דא קומט אריין דאס וואס מיר האבן אנגעהויבן, ווער בין איך, אויב איך בין איך ווייל דו ביסט דו און דו ביסט



דו וויל איך בין איך, דעמאלטס בין איך נישט איך, או דו ביסט נישט דא, פארשטייסט?

טעות! עס קומט נישט אריין דא די ניגון, ניין! נישט פון דעם רעד איך יעצט.

מיין טייערע ליבער חבר, איך האב פאר דיר נייעס, דו ווייסט נישט ווער דו ביסט, דער דו וואס האט ליב אויסגעלאסעקנייט, דער איך וואס האט נישט ליב תורה, דער איך וואס האט נישט ליב די וועגן פונעם אייבערשטן, דאס איז בכלל נישט איך, דאס איז אזא סענדוויטש וואס מען האט אריינגעלייגט אין מיר, איך בין איך, איך בין אינעווייניג א נשמה איך בין ריין איך בין ציכטיג איך האב ליב נאר דאס וואס דער אייבערשטער האט ליב

אינצווישן אין דעם מענטשליכער סענדוויטש, איז דא א האלץ וואס מען האט אריינגעפאקט אין דעם **איך**, כדי דער **איך** זאל באקומען שכר, און דער קלעצל דער העלצל רעדט זיך איין אז ער איז גאר דער **איך**.

איך זוך מיך! דו זעסט מיך אפשר ערגעץ? יא די מויל דאס בין איך, אינעווייניג בין איז גאלד, איך האב ליב וואס דער אייבערשטער האט ליב, און יעצט וועלן אינדרויסן בין איך ווייטער גאלד איך זאג: איך האב ליב וואס דער אייבערשטער האט ליב, דאס איז **איך** דאס איז דער ארון, אינדרויסן גאלד ריין ציכטיג אינדעווייניג גאלד ריין ציכטיג, און וואס איז מיטן קלעצל וואס מיינט אז ער איז איך, אבער-וואס, דאס איז בכלל נישט מיך, וועם אינטערעסירט וואס דער גולמי כלי עץ האט צו זאגן, ווער איז בכלל נייגעריג וואס דער שטיקל האלץ וויל, ווער איז בכלל א שטיקל טענען האלץ צו ווילן עפעס בשעת וועלן עס שמוסן צוויי זייטן פון ריין גאלד, ווי מען זאל נאר קוקן אויף דעם איד איז דאס אריינגסט און ארום ריין גאלד.

איך... זוך... מיך... דו זוכסט זיך אויך? איך האב מיך שוין געטראפן מיט מיר, דו קענסטיך אויך טרעפן מיט דיר.

דאונטע העזיטעיט זאגט מען אין ענגליש, אוי טייערע אידן אין אמעריקא... איך ווייס נישט ווי אזוי עס איבערצושטייטן פאר די אידן אין ארץ ישראל. הערסטע?! זאל דיר דיין הארץ נישט קלאפן ווען דו זאגסט: אוי! טאטע איך האב ליב איידלקייט! אוי טאטע! אוי עס גרוילט מיר אזוי שטארק דאס וואס איך קוק!

עס זאל דיר נישט שטערן ווען דו זאגסט: אוי טאטע ליבער זיסער טאטע איך האב דיך אזוי ליב! איך האב נישט גארנישט אין די וועלט וואס איך ליב ווי די און דיין תורה! אוי אבער עס קראצט... עס קראצט... אוי ווען דו זאלסט וויסן וואס איך האב באמת ליב! ווי אזוי קען איך זאגן אזא ליגענט אז איך האב ליב דעם אייבערשטן? ווי אזוי קען איך זאגו אזא ליגענט אז איך האב ליב די תורה? אהה! העלאוי! דו האסט פארגעסן ווער **איך** איז.

איך זוך מיך, לאמיר זיך צוזאמען זוכן, לאמיר טרעפן דעם אמת'ע איך דעם ליכטיגע זויבערע, ריין אוי! גאלדענע איד זאל איך דיר זאגן דעם סוד **איך** האב זיך געטראפן, איך ווייס און איך גלייב אז: טאטע זיסער! נאר דיר האב איך ליב! איך... איך בין זיך גרייט מקריב צו זיין אינגאנצן פאר די ליבער טאטע, עס גרידזשעט שוין נישט אין די אויער ווען דו צוקרעכצט זיך: ליבער זיסער טאטע, דער קלעצל וואס האט ליב אנדערע זאכן, אים גריצלט, אים גרידזשעט, אבער דאס איז ווייט נישט **איך** נישט **זיך** נישט **מיך**

נו אז מען ווייסט דאס איז שוין נישט דא קיין **איך** קיין **זיך** קיין **מיך**, **עס איז שוין אלעס נאר אייבערשטער!**

בס"ד

# קומט איר צו די קעטסקילס?



free delivery with minimum order

מיר האבן א גרויסע אויסוואל
פון אלע ספרים Judaica
און ביכער פאר קליין און גרויס

מיר זענען אפען א גאנץ יאר
אפען טעגליך 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

קרית ברסלב
ספרים & judaica

51 Twin Bridge Rd Liberty New York 12754 left side entrance 347-578-4449

# טרערן אין די מצות




משה ארי' שניטצלער

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע ספיטש פון מעכי, פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש פרשת תרומה, ס'איז געווען מלא טעם, מלא פרישקייט.

די יערליכע מלוה מלכה פון די "רענט קאמפיין" פון שבתי נרו יאיר און אשר בער נרו יאיר איז דאך אייביג אן איווענט וואס קיינער וויל נישט פארפאסן. אבער די היי יעריגע פיינע פרישע וויצן פון מעכי איז געווען סאמטינג ספעשל.

שכח טייערע מעכי פאר דיין ספיטש! וואס קען זיין בעסער ווי אוועקאדאו און לאקס ענד מעכי אן דהי סאונד סיסטעם.....

מיין קליין יונגעלע קען שוין קוים ווארטן אויף די בריסקעט און פלאנקען לאנטש, אויב די קעכער וועט עס נישט צושטעלן וועט ער אים ברענגען א רעקארדונג אז מעכי האט בפירוש געזאגט אז ס'קומט בריסקעט לאנטש!

שכח מעכי פאר מאכן דעם עולם קייכן פאר געלעכטער, דער אייבערשטער וועט דיר אודאי באצאלן. מסתמא האסטו געטראכט פארדעם אז ס'גייט זיין א פלאפ, אבער דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט קענען אויף לאנגע יארן אזוי פרייליך מאכן דעם עולם, שכרך הרבה מאוד.

בנוגע די מצות, מ'האט געזאגט ביי די שמועס פון ר' אהרן מיט יענקי און מנשה אז מ'גייט רעדן פון די מצות, וויל איך נאר צו לייגן מיין אייגענע עקספיריענס, די געשמאקע טעם פון די ברסלב'ע מצות איז סאמטינג ספעשל!

אבער די סיבה וואס איך קויף די מצות איז נישט בעיקר וועגן די טעיסט.

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געשיקט זיין תלמיד דער הייליגער ר' דוד מיקאלייעווער זאל גיין מאכן וויין אויף פסח, ס'איז געווען א ווייטע פלאץ, אריבער די גרעניץ, ווען ר' דוד מיקאלייעווער האט געענדיגט מיט שווערע הארעוואניע צו מאכן וויין, האט ער געמאכט די לאנגע וועג צוריק. ביים גרעניץ שטעלן אים אפ די וועכטער און פרעגן אים אויס וואס ער האט, זאגט ער וויין, זאגן זיי אז זיי מוזן אליין זען וואס ער האט, האט דער גוי אריינגעשטעקט א מעסער אין דעם פאס, און לייגט פון די וויין אויף זיין צינג צו מאכן זיכער אז ס'איז נישט עפעס אנדערש, און ס'איז געווארן יין נסך.

ר' דוד מיקאלייעווער איז געווארן זייער צובראכן פון דעם. און ער גייט און דערציילט זיין רבי'ן די גאנצע מעשה.

זאגט דער בעל שם טוב, האסט אינזין געהאט צו בעטן דעם אייבערשטן אויף טריט און שריט?

אן תפלה גייט גארנישט.

דאס איז די עיקר סיבה וואס איך קויף די ברסלב'ע מצות.

איך וויל האבן מצות וואס מ'בעט א גאנצן צייט דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף אלעס זאל גיין ווי עס דארף צו זיין"

גראדע, אז מ'רעדט שוין פון מצות און רעדן צום אייבערשטן, אמאל האב איך געארבעט אין א מצה בעקערי, יארן צוריק, קודם האב איך געארבעט לעבן סאוט צענטע סטריט, דארט האב איך געטון די ארבעט פון רייניגן די העלצער, און גליען די רעדלעך יעדע אכצן מינוט, כ'האב אסאך גערעדט צום



אייבערשטן דארט אין יענע שטוב מיט די שטענגלעך און וועלגער העלצער, מ'האט געלייגט דארט נאך איינעם זאל מיר העלפן, א רוסישער איד, וועלוול, ער האט געזען אז איך האב א ספר און איך זוך אריינצוכאפן ווען איך קען א מינוט לערנען, האט ער מיר געהאלפן ווי מער, איך האב געהאט דארט א ליקוטי מוהר"ן, יעדע מאל וואס איך זע אינדערהיים יענע ליקוטי מוהר"ן, דערמאן איך זיך די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט מיר פון דעמאלטס ביז יעצט, אן א שיעור חסדים, דעמאלטס האב איך געמיינט אז איך גיי א גאנץ לעבן ארבעטן עבודת הפרך, זיין א קנעכט פאר דעם און יענעם, אבער ברוך השם מוהרא"ש מיט די משניות האט מיך נישט אנטוישט. גיי זאג פאר א מענטש אז ס'איז דא א מציאות אז ער זאל ארבעטן א שעה ווייניגער און פארדינען סאך מער. וואס זאל איך טון אז מענטשן ווילן נישט גלייבן מוהרא"ש אז זאגן משניות מאכט גרינגער די פרנסה. (נישט אין איין טאג.... אבער ס'ארבעט!)

אבער רייניגן די העלצער איז געווען די גרינגע פרשה! איין יאר האב איך געארבעט אין א אנדערע בעקערי לעבן לינטש, דארט האט מען מיך געלייגט אלץ "איבערקנעטער".

יעדע בעקערי ארבעט אנדערש, איך ווייס נישט אויב אלע בעקעריס האבן בכלל א איבערקנעטער, און די וואס האבן יא קען זיין די ארבעט אביסל גרינגער און אביסל שווערער, ס'האט צו טון מיט עטליכע זאכן, מיט ווי נאס די טייג איז, און ס'איז דא וואס לייגן ביים איבערקנעטן א מתחיל און א גורם, און אויך האט עס צו טון וויפל צייט דער איבערקנעטער האט, ווי גע'פרעשער'ט איז זיין ארבעט, ביי מיר איז עס געווען עפעס ביטער שווער, די ערשטע פאר טעג בין איך געווען אזוי טשארלי הארס אז כ'האב קוים געקענט שלאפן ביינאכט, כ'האב געשמירט די קרים "בענגעי" וואס דארף העלפן פאר טשארלי הארס, אבער די גראך פון דעם איז אזוי שרעקליך אז מ'קען עס נוצן פאר סם פאר מייזלעך.

כ'האב נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר בעטן און וויינען צום אייבערשטן, הייליגער באשעפער איך בעט דיך נעם מיך ארויס פון דא ווייל איך האלט עס נישט אויס!

כ'האב געבעטן און געבעטן אן א שיעור.

כ'האב געזען אז די מצב זעט נישט אויס אזוי גרינג, איך זע נישט אז איך זאל ארויסגיין פון דא נאר ווען די בעקערי פארמאכט זיך פסח, איך בין געווען זייער דערביטערט, כ'האב געזען פאר מיר א גאנצע שווארצע פארכמורעטע ווינטער, כ'קום אריין אכטע און גיי ארויס זעקסע ווען ס'איז טונקל נאכט. אלע מענטשן ארום מיר רעדן רוסיש, פאר א נויט נעמט מען נאך אריין צוויי דריי פאציענטן פון פסיכיאטארישן אנשטאלט, ווי געט מען זיך אן עצה?!!

כ'בין געווען דעמאלטס אזוי פארביטערט אז כ'האב געזען אז אויב איך וועל נישט טון דא עפעס דראסטיש קען איך נאך חס ושלום אויפהערן בעטן דעם אייבערשטן פון גרויס ביטערניש, פון נישט זען א וועג ארויס.

איין טאג אזוי שטייענדיג ביים איבערקנעטער טישל, און קנעטן און בעטן, און בעטן און קנעטן, איך בעט אזוי שטארק דעם אייבערשטן, אוי ווען גייסטו מיך באפרייען פון די שווערע ארבעט, איך האב אזוי שטארק געוויינט אז כ'האב געמוזט אכטונג געבן די טרערן זאלן נישט חס ושלום אריינגיין אין די מצות, איז מיר בייגעפאלן אז ערב פסח זאגט מען דאך הלל..... נו פארוואס נאר ערב פסח?.... איך האב אנגעהויבן זאגן הלל נאכאמאל און נאכאמאל (אן א ברכה פארשטייט זיך - און אפילו אן א ברכה דארף מען נאכקוקן צו כ'האב עס געמעגט טון) איך בין געווארן אזוי דערפרישט.

איך האב אנגעהויבן צו טראכטן פון אונזערע זיידעס ביי משה רבינו, אזוי שווער געארבעט אין מצרים פאר אזוי סאך יאר און נאכדעם האט אונז דער צדיק באפרייט! ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך! אז מ'האט א צדיק ווערט מען ביים סוף א באפרייטער מענטש! כ'האב באקומען א נייע האפענונג.

איין טאג האט מען געדארפט מאכן עפעס א טויש אין די בעקערי און מ'האט מיך געלייגט ביי די מעל! כ'האב נישט געקענט גלייבן וואס איז געשען! שכח אייבערשטער! מ'האט מיך אהינגעלייגט ווייל איינער פון די ארבעטערס האט נישט געקענט קומען פאר צוויי דריי טעג, האט מען ארומגעטוישט אהער און אהין און מיך האט מען געלייגט צו געבן מעל פאר די מיירע.

כ'האב אריינגעשמוגלט א קליינע ליקוטי הלכות אין די מעל שטובעלע און איך בין געזיצן אין גן עדן!

געבן מעל נעמט נישט קיין סאך צייט, האב איך געמאכט אלע סארט חשבונות ווי אזוי צו לערנען מער, כ'האב געלערנט באלד האלב פון יעדע



אכצן מינוט, אפשר אפילו מער, ס'איז געוועזן א גן עדן!

די געלט פון געבן די מעל איז דאך ווייניגער ווי א איבערקנעטער, יעצט ווען יענער ארבעטער איז צוריק געקומען און מ'האט געוואלט אלעס צוריקטוישן, זאגט מיר דער פריערדיגער מעל געבער אז ער קען באשטיין צו בלייבן איבערקנעטער, זאג איך א ברכה אויף דיין קאפ! זאלסט לעבן און לאכן ביז הונדערט און צוואנציג!

צו וואס דארף איך געלט? ווער דארף געלט? דער פסוק זאגט נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו! ארבעטן דארף מען ווייל ס'שטייט בזיעת אפיך תאכל לחם, אפשר קען איך יוצא זיין מיט א טראפעלע ווייניגער בזיעת אפיך.......

אזוי בין איך געזיצן אויף מיין קעניגליכע שטול אין די מעל שטובעלע און זיך מחיה געווען מיט'ן אייבערשטן!

פלוצלונג ביים באצאלן סוף וואך, נאכ'ן אויסטיילן די ענוועלאופס, זע איך ווי דער יעצטיגער איבערקנעטער שטייט און וויינט! ער בעט זיך עפעס ביים באצאלער, ס'האט מיר אויסגעזען ווי מ'האט געמאכט עפעס נישט ריכטיגע חשבונות, צו מ'האט אים עפעס באקריוודעט, כ'האב געפילט זייער שלעכט אבער כ'האב נישט געוואוסט אויב איך קען אים העלפן.

הכלל, דער אייבערשטער האט אנגענומען מיינע תפלות! נאך דעם האט שוין אנגעהויבן ווערן די טעג אביסל לענגער, מ'האט שוין געזען עפעס לעכטיגקייט ביים אהיימגיין סוף טאג, נאך דעם איז שוין געווען די וואך פון פורים, שוין געהערט מוזיק אין די גאסן, נאך פורים האט שוין די הויז געשמעקט פון די מיסטער קלין און מערפי וואס דערציילט יעדן אז פסח קומט, ביז איך בין ענדגילטיג באפרייט געווארן.

אבער אלע הייסע תפלות איז געבליבן ביי מיר, אלע אשר בנחל וואס איך האב געלערנט יעדע נאכט אינדערהיים אז איך זאל נישט צוזאמפאלן איז געבליבן ביי מיר. מיין חומש, משניות, גמרא, שולחן ערוך פון יענע שווערע טעג ליגט אין מיין אקאונט! אויף אייביג!

למען ה'פונקטליכקייט וויל איך צולייגן אז די ארבעט איז פאר אסאך מענטשן בכלל נישט שווער, ס'איז נישט די ארבעט, ס'איז די מח פון די מענטש, ביי מיר איז דעמאלטס געווען די מח אזוי אז איך האב זייער שטארק נישט געוואלט אזא סארט פיזישע ארבעט, והוא רחום יכפר עון וכו'

איך קען נישט ענדיגן דעם ארטיקל אן צוריקקומען צו מעכי'ס הערליכע דרשה! שכח פאר די הערליכע געדאנק! כאפטס אריין יעצט! באלד איז עס ווערטלאז!

יעצט קען מען נאך געבן פאר שבתי און אשר בער, באלד וועט קומען אזוי סאך עשירות דא אז קיינער וועט נישט קומען נעמען פון דיר קיין געלט!

איך האב געטראכט די זעלבע געדאנק פון מעכי איז אויך אויף דאווענען און לערנען, לאמיך כאפן א פרק משניות יעצט ווען איך מוטשע מיך, יעצט איז די שכר אזוי גרויס!!!! באלד וועט דער אייבערשטער העלפן איך וועל לעבן א ברייטע לעבן, איך גיי מאכן געלט, כ'וועל קענען זאגן הונדערט פרקים משניות יעדן טאג, מיט זיבן בלאט גמרא, מיט בריסקעט פאר לאנטש, מיט פלאנקען פאר סאפער, דעמאלטס וועט מיין משניות נישט זיין אזוי טייער ווי יעצט, לאמיך לערנען היינט ווי לאנג ס'איז נאך שווער.



# היכל הקודש ניוס

וויליאמסבורג - קרית ברסלב

## תלמוד תורה היכל הקודש ארויס אויף א אויספלוג



פראגאנגענעם מיטוואך תצוה האבן די צוויי ברסלב'ע תלמוד תורה'ס; פון וויליאמסבורג און קרית ברסלב זיך ארויסגעלאזט אויף א געשמאקע אויספלוג, נאכדעם וואס די טייערע קינדער האבן זיך אויסגעצייכנט זייער שיין מיט אלעם וואס די טייערע מלמדים הייסן טון, זיי דאווענען ערליך, זיי לערנען פלייסיג, און זיי פירן זיך אויף מיט א געוואלדיגע דרך ארץ, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א פאדערט שטענדיג אז דרך ארץ דארף זיין די וויכטיגסטע זאך, פאר אלעמען.

די צוויי תלמוד תורה'ס האבן זיך אפגעשמועסט אז מיטוואך וועט מען זיך ארויסלאזן צוזאמען צום דעסטינאציע צום שטאט מאנסי, צום ערשט איז מען אריבער צום נייעם בית המדרש היכל הקודש אין מאנסי, ווי די גבאים האבן אויפגענומען די קינדער בסבר פנים יפות, עס איז געווען צוגעשטעלט פיינע איבערבייס פאר אלע חשובע קינדער און מלמדים. און דערנאך האט מען געדאווענט צוזאמען מנחה.

דערנאך איז מען אריבער צום ציון פון הייליגן ריבניצער זכותו יגן עלינו, און זיך גוט אויסגעבעטן פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

צו די קלימאקס פונעם טאג האט מען זיך ארויסגעלאזט צו א פלאץ ווי עס איז דא א שניי בארג און מען קען זיך גליטשן געשמאק, אלע קינדער האבן זיך גוט אויסגעגעבן און הנאה געהאט יעדע מינוט, מען האט זיך געגליטשט מיטן אייבערשטן, א גאנצע צייט האט מען געהערט פון די קינדער אויסשרייען "שכח אייבערשטער", די קינדער האבן גאר שטארק הנאה געהאט פון דעם טריפ.

פון דארט איז מען אהיים נאכן זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות צו קענען ווייטער דינען דעם אייבערשטן ביתר שאת וביתר עוז.

וויליאמסבורג

## גליון סיפורי מעשיות גרייכט נומער הונדערט




ווי דער מנהג אין ברסלב, דערציילט דער ראש ישיבה די הייליגע מעשיות יעדן שבת קודש אינדערפרי נאכן דאווענען, ווי אנשי שלומינו קומען הערן די הייליגע ווערטער ווי דער ראש ישיבה נעמט ארויס פון די מעשיות וויאזוי מען קען האבן אויף דער וועלט א זיסע לעבן מיטן אייבערשטן.

אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט האבן כסדר געזאגט, הלוואי קענען מיר אויך הערן די ליכטיגע דיבורים, די געשמאקע חיזוק פונעם ראש ישיבה ביי סיפורי מעשיות. דערפאר האבן עטליכע אנשי שלומינו גענומען אויף זיך די אויפגאבע אראפ צו שרייבן יעדע וואך די שיינע שמועסן פונעם ראש ישיבה ביי סיפורי מעשיות, מען דרוקט עס אפ אין א הערליכע גליון "סיפורי מעשיות" וואס ווערט צושפרייט איבער די וועלט מיט וואס טויזנטער אידן זענען זיך מחיה יעדע וואך.

יעצט ווען דער גליון איז אנגעקומען צום סימבאלישן נומער "הונדערט", איז צייט צו דאנקען דעם אייבערשטן וואס האט אראפגעשיקט אזא מתנה פאר אונז, דער הייליגער רבי' וואס איבער צוויי הונדערט יאר נאך זיין פטירה קענען מיר נאך געניסן פון זיינע תורות, שמועסן, און מעשיות, וואס דאס פלאמט אויף און וועקט אויף אונזער הארץ צום אייבערשטן.



# "מעשיות פון תפילה"

## משפחת גאטערער - בארא פארק:

מיר זענען געווען אין לופטפעלד אויפן וועג קיין ארץ ישראל צו פארן אויף יבנאל צו די יארצייט פון אונזער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

ביים אריינגעבן די פעקלעך האט מען געמאכט אביסל פראבלעמען מיט די טיקעט ווייל מיין ווייב'ס טיקעט איז געווען אויף איר משפחה נאמען. צו וועמען ווענדט מען זיך אין א צרה? צום רבונו של עולם! די באאמטע האבן געבעטן אונזער לעגאלע חתונה פאפירן.

שכח אייבערשטער אז פאריגע וואך האב איך אלעס אריינגעברענגט אויף מיין טעלעפאן, אזוי האב איך געהאט די פאפירן וואס זיי האבן געבעטן, און ברוך השם מיט דעם אונז אדורך געלאזט!

## אלי' זעלקאוויטש - קרית ברסלב:

צום אלעם ערשט וויל איך דאנקען דעם אייבערשטן פאר די גרויסע נס וואס דו האסט געטון מיט מיר. מיר זענען געווען אויפן וועג צו שטעטל אינמיטן די נאכט, פלוצלונג האבן דריי תמימות'דיגע הערשן אריינגעלאפן אויפן הייווע' און אריינגעזעצט אין אונזער קאר, מיט ניסי ניסים בין איך צוזאמען מיט מיין ווייב ארויסגעקומען בשלום אן קיין קריץ. גלייך נאך די עקסידענט בין איך אהיימגעפארן מיט א גוטער איד וואס האט מסכים געווען אונז אהיימצונעמען.

אפאר טעג דערויף באקום איך א טעלעפאן רוף פון די אינשורענס קאמפאני אז די קאר האט ליידער נישט איבערגעלעבט די עקסידענט און זיי ווייסן נישט אויב זיי וועלן עס קענען באצאלן צוליב כמה ערליי סיבות, איך האב אבער געבעטן דעם אייבערשטן אז די אינשורענס קאמפאני זאל יא קאווערן די גאנצע קאר, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן, ס'איז אריבער א שטיק צייט און זיי זאגן מיר אז למעשה וועלן זיי יא קענען באצאלן די גאנצע מעשה און איך בין ברוך השם נישט ארויס מיט קיין שאדן.

די מעשה פון תפילה ענדיגט זיך נאכנישט דא, די געלט פון די אינשורענס איז שוין דא אבער מיט געלט קען מען דאך נישט פארן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען א גוטע שיינע נייע באקוועמע קאר, נאך בעסער ווי די פאריגע, אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אריבערגיין שנעל און גרינג די גאנצע פראצעדור אן קיין צער און עגמת נפש, און שכח אייבערשטער איך האב באקומען גאר א געשמאקע באקוועמע קאר אין א קורצע צייט.

## אברהם הערש וועבערמאן - קרית ברסלב:

ברוך השם איך האב געפיילט טעקס ריטורן, אלעס האט אויסגעזען גוט און פיין, די חלום איז שוין געפארן פונקטליך וואס מען גייט טון מיט די געלט און אזוי ווייטער.

למעשה רופט מיר אן די אקאונטענט און זאגט מיר אז די IRS האט געלייגט א האלד אויף מיין פייל צוליב זיכערהייט אויב א צווייטער האט גענוצט מיין נאמען צו פיילן, די איינציגסטע וועג צו קענען ווייטער גיין איז צו געבן די פין נאמבער וואס זיי האבן געשיקט אויף די פאסט, אדער קען מען עס טרעפן אנליין ביים אריינסיינען ביי די IRS.

וואס טוט מען דא? איך האב קיינמאל נישט באקומען קיין פין נאמבער אויף די פאסט. "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל וויסן וואס צו טון דא ווייטער, אנליין האב איך שוין פרובירט א צייט צוריק צו עפענען א אקאונט אבער אן ערפאלג, עס איז א גאנצע פראצעדור צו עפענען א אקאונט ביי זיי, הייליגער באשעפער וואס טו איך דא?

למעשה האב איך געטראכט אז איך גיי נאכאמאל פרובירן צו עפענען א אקאונט אנליין, שכח אייבערשטער אז יעצט איז אלעס געפארן געשמירט און געשמאק און איך האב געקענט באקומען די פין נאמבער.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת; מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן טַהֲרַת יִשְׂרָאֵל, דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה.

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס אִיז אוּנְז מְטַהֵר מִטוּמְאַת מֵת; אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אַרַיין גֶענוּמֶען אִין דִיר דִי נֶעכְטִיגֶע שִׁיעוּר (לֵיל שִׁשִּׁי) אוּן דוּ וֵוייסְט שׁוֹין וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין פוּן טוּמְאַת מֵת, - דוּרְךְ דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס רֵיינִיגְט אוּנְז מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת.

וָואס זֶעעֶן מִיר בַּיי דִי פָּרָה אֲדוּמָה? דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יט, ב): "**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר**", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יט, א) אַז אִיּוֹב הָאט גֶעזָאגְט (אִיּוֹב יד, ד): "**מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא? לֹא אֶחָד**"; וַוייל מֶען זֶעט אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט דִי פָּרָה אֲדוּמָה וֶוערְן טָמֵא, אוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה רֵיינִיגְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא, דָאס הָאט אִיּוֹב גֶעפְרֶעגְט: "**מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא?**" נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "**לֹא אֶחָד**" אוּן קֵיינֶער מֶער; "**אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: חֻקָּה חָקַקְתִּי, גְּזֵירָה גָּזַרְתִּי, אִי אַתָּה רַשַּׁאי לַעֲבוֹר עַל גְּזֵרָתִי**" - דָאס אִיז אַ חֹק אָן אַ טַעַם.

דָאס אִיז דֶער חֹק פוּן פָּרָה אֲדוּמָה, (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, שָׁם): "**כָּל הָעוֹסְקִין בְּפָרָה מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף, מְטַמְּאִין בְּגָדִים**", דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק מִיט'ן רֵיינִיגְן דִי טָמֵא'נֶע מֶענְטְשְׁן - דֶער וֶוערְט טָמֵא, אָבֶּער: "**הִיא גּוּפָהּ מְטַהֶרֶת בְּגָדִים**", עֶר אַלֵיינְס מַאכְט יֶענֶעם טָהוֹר; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז דָאס זֶעט מֶען בַּיים רֶבִּי'ן. עֶס קוּמְט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט חֲטָאִים פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס - בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אִים; עֶר הֶערְט אִים אוֹיס, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן עֶר גֶעבְּט אִים עֵצוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר טוּט אִים אָן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער; צוּבִּיסְלֶעךְ הֵייבְּט עֶר אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים אַז עֶר טְרֶעפְט זַיין שִׁידוּךְ אוּן דֶער צַדִּיק לָאזְט זִיךְ וַוייטֶער אַרָאפּ צוּ אִים, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר לֶערְנְט זֵיי שֵׁיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן לֶעבְּן, בִּיז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְטַהֵר דֶעם אִישׁ טָמֵא אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן '**לְטַהֵר טְמֵאִים**', אָבֶּער יֶעצְט וֶוערְט '**לְטַמֵּא טְהוֹרִים**' דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז דֶער כֹּהֵן - דֶער צַדִּיק - וָואס הָאט אִים אָפְּגֶעוַואשְׁן אוּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן טָהוֹר - אִיז גָאר טָמֵא.

אוֹיף דֶעם דַארְפְן מִיר **בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן** - מִיר זָאלְן נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דֶעם כֹּהֵן וָואס מַאכְט אוּנְז טָהוֹר; **מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען פַאר מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז וַוייטֶער.**

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## הַכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח

**אֵיין יָאר פַאר פֶּסַח הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמוּעֶס פַאר דִי חָשׁוּבֶע פְרוֹיעֶן אוּן גֶעזָאגְט:** יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי אַרְבֶּעט פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן צוּ רֵיינִיגְן אוֹיף פֶּסַח; כָאטְשִׁיג פוּן אֵיין זַייט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אָבֶּער וִויסְן זָאלְט אִיר אַז **אִין הִימְל זֶעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דָא בְּזֶה הָעוֹלָם;** יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע אָטֶעם וָואס דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן לְכָבוֹד פֶּסַח.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי - דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז **פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשֶׁרְ'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר.** דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. פוּן הִימְל קוּקְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן אוּן בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְ'ן גָלוּת.

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ' וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן קִינְדֶער מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פְּלָאג, דֶעמָאלְט קוּמְט אַנְדֶערֶע פְּלָאג"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶס קוּמְט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן מִי גֵייט אַרַיין אִין מִצְוֹת אוּן אִין גוּטֶע זַאכְן, אוּן אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט קִינְדֶער.



# א מעשה
## פון א צדיק

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע הָאט זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, אַזוֹי וַוייט אַז אַמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט 'אִיךְ, וִוי אִיךְ גֵיי הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן דָא אִין שְׁטָאט וואוֹינְט אַ אִיד וָואס לַיידְט הוֹילֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִיךְ וִויל זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דֶעם אִיד. עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ מִיט אַ רוּבְּל צוּ רֶבִּי נָתָן זי"ע - וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט - אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ "לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת".

דֶעם סִיפּוּר אִיז בַּאוִויסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט - נִישְׁט וִוי דִי מִתְנַגְדִים זָאגְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חוֹלֵק חַס וְשָׁלוֹם, אַדְרַבָּה עֶר הָאט גֶעשְׁטִיצְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ.

סוֹף יָמָיו הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט אַלְץ "אוֹי אַנְטִיוְוקֶער בָּחוּר", אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, אַזוֹי וִוי זַיין דֶרֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְצוּפָארְן כָּל יָמָיו אִין אַלֶע שְׁטֶעט אוּן שְׁטֶעטְלֶעךְ מְקַרֵב זַיין אִידְן, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטֶעטְל אַנְטִיוְוקָא (דָאס אִיז אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל נֶעבְּן קִיֶעוו) אוּן דָארְטְן אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט אִים דָארְטְן מְקַבֵר גֶעוֶוען, אִיז דָא אִין דֶעם עֶטְלִיכֶע נִסְחָאוֹת פַארְוָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם פַארְשְׁטִיפְּטְן שְׁטֶעטְל אַנְטִיוְוקָא דָארְטְן צוּ לִיגְן. אֵיין טַעַם וַוייל אִין דֶעם שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁטָא קַיין תְּפִלָה אוּן קַיין שֶׁתִי וָעֶרֶב, (וָואס דָאס אִיז אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ אִין אוּקְרֵיינָא) אוּן דֶער צְוֵוייטֶער טַעַם, וַוייל דָארְטְן לִיגְט

אַ הֵיילִיגֶער בָּחוּר וָואס אִיז גֶעהַרְגֶעט גֶעוָוארְן עַל קִידוּשׁ הַשֵׁם, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט לִיגְן נֶעבְּן אִים.

אוּן דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי: דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הֶעלְפֶער בַּיי אַ אִידִישֶׁער שְׁנַיידֶער. וַיְהִי הַיוֹם הָאט זִיךְ דֶער פָּרִיצְנְ'ס טָאכְטֶער פַארְלִיבְּט אִין אִים אוּן גֶעוָואלְט מִיט אִים חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיז זִי זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן, וַוייל זִי הָאט אִים זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוּן פוּן רוֹב עֶרְגֶענִישׁ אַז דֶער בָּחוּר וִויל נִישְׁט, הָאט אִיר גֶעפְּלַאצְט דָאס הַארְץ אוּן זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אִיז דֶער פָּרִיץ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעהַרְגֶעט דֶעם בָּחוּר, אוּן מֶען הָאט אִים דָארְטְן בַּאגְרָאבְּן. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט סוֹף יָמָיו פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע קְרֶעכְצְן 'אוֹי אַנְטִיוְוקֶער בָּחוּר', הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען נָאכְדֶעם פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט לִיגְן נֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן בָּחוּר.



ציון פון הרה"ק רבי מרדכי פון טשערנאביל זי"ע

פוּן דֶעם זֶעט מֶען דִי כּוֹחוֹת וָואס אִיז דָא אִין הֵיילִיגֶע בָּחוּרִים, וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת. וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס טוּט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן גֶעט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן.

(אשר בנחל אידיש מכתב קצח)



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע



| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- כ"ד -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ בַּאַווייזְן פַאר אִים, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דַאן הָאט אִים פַּאסִירְט דְרַיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ נֵס.

***

אֵיינְס אִיז גֶעוֶוען אַז אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיפְּ'ן וֶועג אַ גְרוֹיסֶער צֶלֶם, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר פוּן דִי גוֹיִם דֶעמָאלְט צוּ לֵייגְן אִיבֶּערָאל אַ שְׁתִי וָעֶרֶב, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי דֶערְפְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם, עֶס הָאט אִים מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם צֶלֶם אִין דִי צַייט וָואס עֶר שְׁפַּאצִירְט דָארְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דַאן הָאט זִיךְ דֶער צֶלֶם פְּלוּצְלִינְג צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן צוּ דֶער עֶרְד.



דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר פְּלֶעגְט גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעבְּן טַייךְ, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ פִּישׁ אִין טַייךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי פִּישׁ זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל דַארְפְן אַרַייְנְוַוארְפְן אַ נֶעץ, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

דִי דְרִיטֶע אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֶען אַ מֵת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן. עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט טַאקֶע גֶעזֶען אַ מֵת.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אִין זַיין צִימֶער אִין זַיין שְׁוֶוער'ס הוֹיז, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶעמָאלְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם מֵת, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אַ מֵת, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאךְ גָאר יוּנְג גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן וִוי דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אִיז דֶער מֵת גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע. אוּן פוּן גְרוֹיס פַּחַד הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ שְׁרַייעֶן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת, דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן הֶערְנְדִיג דִי גֶעשְׁרֵייעֶן, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין צִימֶער וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן פוּן אִינֶעוֵוייניג. בִּיז זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּם סוֹף צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר אוּן אַרַיינְקוּמֶען, אוּן דַאן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי בַּארוּאִיגְט.

*

אִין יָאר תקמ"ז לפ"ק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן אַ מֵיידְל, אוּן עֶר הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן אָדְל, אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּן זַיין בַּאבֶּע, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

כָאטְשׁ וָואס דֶער וֶועג פוּן אוֹסְיַאטִין קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ אִיז גֶעוֶוען גָאר וַוייט, מֶער פוּן 350 קִילָאמֶעטֶער, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פְּלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּערְפָארְן פוּן צַייט צוּ צַייט קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, צוּ בַּאזוּכְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן, אוּן זִיךְ מִשְׁתַּטֵחַ צוּ זַיין אוֹיפְ'ן צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, זַייעֶנְדִיג בַּיי זַיין שְׁוֶוער ר' אֶפְרַיִם אִין דָארְף אוֹסְיַאטִין, פְּלֶעגְט עֶר אַסַאךְ מָאל פָארְן צוּם נָאנְטְן דָארְף סַאמִילֶע, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער קֵבֶר פוּנֶעם בַּאקַאנְטְן צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְיָה מִיַאנוֹב זַ"ל, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן עֶר פְּלֶעגְט מַאכְן דֶעם צַדִיק פַאר אַ שָׁלִיחַ צוּ גֵיין מוֹדִיעַ זַיין פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע דִי בַּקָשָׁה וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט. אוּן אוֹיךְ פְּלֶעגְט עֶר מַאכְן דֶעם צַדִיק אַ שָׁלִיחַ צוּ גֵיין צוּ זַיין זֵיידְן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל וָואס לִיגְט אִין טְבֶרְיָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



## קענט איר אויסגעפונען
## ווער, ווען און וואו איז די בילד?



ווער ווען וואו?

תשובה פון די פריערדיגע וואך




קריאת המגילה אין ישיבה - שנת תשע"ב

1. מו"ה יצחק לעווי הי"ו
2. מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו
3. ראש ישיבה שליט"א
4. מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו
5. מו"ה אייזיק ראטה הי"ו
6. דומ"ץ דקהלתינו הקדושה שליט"א
7. מו"ה יואל לאנדא הי"ו
8. מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו
9. מו"ה יעקב יוסף לונגער הי"ו
10. מו"ה שלום פאללמאן הי"ו
11. מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו
12. מו"ה אייזיק ווייס הי"ו

# שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**

# מיט אַ צדיק אַן

ח.ש.

## „עס ליגט אין דיינע הענט"

## עס ליגט אין דיינע הענט.

דאנערשטאג נאכט די הויז ווערט געריינעגט, געוואשן און באקומט א נייע פנים.

די קינדער טאנצן ארום אויספאקנדיג פיינע זאכן וואס מען האט איינגעקויפט, און די מיידלעך גייען שוין אט — אט מאכן א סיום אויף די וועש.

**ווען שבת קומט א גן עדן א יז אין...**

איך זעה פון מיין לינקע זייט אדל'ע מאכט א דעי' קעמפ פאר די דאליס און מענטשעלעך, און לערנט זיי אויס די הערליך שיינע ניגון.

**יעדער איז פריילעך יעדער...**

ש'כח אייבערשטער עס קומט שבת איך בין טאקע פריילעך, עס געבט מיר כח צו מישן ווייטער די טעפ מיט פולסטן קראפט.

**שפע און הצלחה אויף די גאנצע וואך עס בלייבט א ברכה...**

שפילט ווייטער די' ניגון.

**בום!!!**

אויף אזא שפע, הצלחה, און ברכה האב איך זיך נישט גערעכנט.

וואס גייט פאר? פייגי? חיה'לע? שטיל?! קינדער קומטס אהער!

מאמע, אמת אלעס איז דער  אייבערשטער? פרעגט נחמן נתן.

יא אוודאי! מיין קאפ לויפט וואס מיינט ער צו זאגן מיט דעם, וואס?

אבער אמת אויך ווען עס פלאצט א פעקל שטויב צוקער אין א ריינע הויז איז עס אויך אייבערשטער?!

ווי אזוי האט עס פאסירט? שטעל איך א פראגע, מיינע מחשבות ברענגען מיר ארויף אלע מעגליכקייטן.

מאמי — האקט מלכה'לע איבער מיינע געדאנקען — איך האב נאר געוואלט זען צו איך קען שטיין אויף די פעקל אן אראפצופאלן.

איך ווער שוואך, שפע, ברכה און הצלחה אין גרויסן.

וואס וואלט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אין אזא פאל? שרייען, לאכן, וויינען, שלאגן. וואס?

באשעפער איך ווייס נישט וואס צו טון, איך האב נישט קיין צייט זיך אויפצורעגן. עס לוינט מיר נישט צו פארלירן מיין גאנצע טאג ווען א פעקל שטויב צוקער.

מיין מויל שפעשעט ווייטער.

אבער אייבערשטער געב נאר א קוק וואס גייט פאר נעבן טיר, א ווייסע שניי אויף די ריינע גלאנציגע פלאר.

איך האב די גאנצע רעכט צו שלאגן און זיך פארלירן, אבער איך וויל עס נישט טון.

באשעפער איינציגער איך וויל בלייבן פריילעך.

איך נעם די גאנצע שטארקייט, "קינדער קומט אלעס צאמנעמען און דאנקען דער אייבערשטער אז עס איז נאר צוקער און נישט גלאז, אדער פארשידענע קריכעדיגע".

חיה'לע נעמט די קליינע קינדער וואס פלאטשקען אין די ווייסע זיסע שניי, נחמן נתן ברענגט א בעזים, די איבריגע שירה שטייט אין זייט און קוקט.

א קער רעכטס, א קער לינקס, נאך איינע פון רעכטס, אריין אין מיסט, און שוין, א סיום אויף די צוקער.

## ברוך אתה... להדליק נר של שבת

**איך טרעף זיך ביי ליכט בענטשן מיין פנים פארדעקט, טרערן פליסן פון מיינע אויגן: "באשעפער איך האב א מעשה פון תפילה, איך בין געווען בארעכטיגט זיך צו אויפרעגן אויף די קינדער, און איך בין געבליבן פריילעך.**

**אייבערשטער, דאס איז נאר אין זכות וואס איך גיי איינעם נאך, אייך גיי נאך א צדיק.**

**העלף אייבערשטער אז דער ראש ישיבה רבינו יואל בן רייצא רעכיל, זאל האבן כח אונז צו ווייטער מחזק זיין, און קענען צוריקברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן.**

**באשעפער אזוי ווי איך מאך יעצט לעכטיג אין מיין הויז מיט די שבת ליכט, אזוי זאלסטו אריינשיינען אין די גאנצע וועלט די לימודים פון הייליגן רבי'ן זי"ע.**

---

דאנערשטאג נאכט מען רוימט אויף די הויז, אלעס בליטשקעט אזוי שיין.

מיינע מחשבות לויפן, מען דארף צאמלייגן וועש, וואשן די טלית, ווישן די פענסטערס און מישן די טעפ.

"ברענגט צוקער די שניי צופאלט" שריי איך האפנדיג אז איינער הערט מיט בכלל.

אבער קיינער ענטפערט נישט, די שטילקייט איז עפעס מאדנע, איך מוז גיין קוקן וואס גייט פאר.

"שרה'לע לויף אריין אונטערן טיש, מאמע קומט טיילן פעטש" הער איך רבקה'לע שושקען.

עפעס האבן זיי אנגעמאכט און זיי האבן מורא...

מיין מח געבט מיר א באפעל, די ערשטע זאך שרייען צו ווייזן 'איך בין דא בעל הבית' און דערנאך ארויסשיסן אין פארטש איינע איינע, אזוי זאגט די טערעפיסט.





שווארץ, שווארץ פאר די אויגן, שווארץ מיינט שווארץ.

**ש – ו – ו – א – ר – ץ.**

די גאנצע וואנט איז פארשמירט מיט – נישט מער און נישט ווייניגער ווי – שיך פוץ!!!

וואס טוה איך יעצט, רופן מיין טערעפיסט? ארויסווארפן די קינדער?

זי הייבט נישט אויף, מיין מאן איז מיט חברים, וואס טוה איך יעצט???

רחל'ע קום אהער! לעש אויס די מצרישע אראבישע מוזיק וואס דו הערט דארט, ניין! קום אהער די מינוט!

געב זיך דא א עצה מיט די קינדער און מיט די וואנט, זאג איך איר ווען זי שטייט אנטקעגן מיר.

מאמי, רופט זי זיך אן שטילערהייט, באהאלטנדיג אונטער זיך די טעלעפאן, "איך האלט אינמיטן רעדן צו מיין בעסט, בעסט, בעסט פרענד"

אה... זיי ממשיך, איך דערמאן זיך וואס איך האב געהערט פאריגע וואך, ביי די שיעור פון מרת קלאצקאקשע "מען דארף לאזן פאר א קינד, און מען דארף איר אונטערשיצן צו האבן א בעסט פרענד, עס איז געזונט פאר די קינד'ס נפש, רוח, נשמה, חיים, ומות" שוין וואס קען איך זאגן אויף אזעלכע ווערטער כאטש איך זעה מיין רחל'ע נייע ווידלד.

אבער וואס וועט זיין מיט מיר? איך האב נישט וואו צו גיין?!?!

## ברוך אתה ... להדליק נר של שבת

**איך טרעף זיך ביי ליכט בענטשן מיט טרערן אין די אויגן:**

**די וואנט איז שווארץ, די קינדער לויפן ארום, איך האב נישט קיין כח מער.**

**איך בין אזוי שוואך.**

**איך פיל ווי איך קראך.**

**פארוואס האט עס דער אייבערשטער צו מיר געמאכט?**

**און ווי קען זיין אז מיין שכנה גייט, שמייכלט און לאכט?**

## איז וועלכע לעבן ווילסטו?

מיט א צדיק? און א צדיק?

וועלכע ערב שבת ווילסטו?

מיט א צדיק? און א צדיק?

## די בחירה ליגט אין דיינע הענט.

(נאר מיט א צדיק האט מען א לעבן.)

# חכמת נשים

ל. שיינער



**שוין** אנגעיאגט אפצואוואשן די קליינע פנים'ער פון די make up, די משלוח מנות כמעט אוועקגעפאקט, און מ'האלט שוין ביים טראגן די פורים שארטלעך אין סטארידזש פאר די קומענדיגע פרייליכע יום טוב פורים.

אהה. שכח אייבערשטער אז ס'שמעקט די קריספי פרילינג ווינטל, און די ווארימע זון שטראלן צושפרייטן א געפיל פון אייבערשטענ'ס פארזיכערונג אין אלע ביינער, נאך א לאנגע קאלטע ווינטער, גלוסט זיך ארויסצוקומען מיטהאלטן ווי די פילע געלע באסעס פארן און סטאפן פארן און סטאפן, ווען די מאמעס שטייען גרייט פאר די ליכטיגע טאנצעדיגע קינדערלעך וואס קומען צו לויפן נאך א טאג לערנען.

זעץ איך זיך צו צו די רינגעלע פון פרויען מיט מיינע צוויי קליינע מיידלעך בעיבים, אפשר וועל איך קונה זיין גוטע עצות פון די מער ערפארענע מאמעס.

דערציילט שרה פון איר וואונדערליכע מאשין וואס זי האט זיך היינט איינגעהאנדלט. עס איז ממש א נחת, זי קריכט מיט דעם ארום אין יעדע באהאלטענע ווינקל פון די הויז, און עס גלאנצט און רייבט יעדע שטויבעלע, מיט א גרויסע שמייכל יאגט זי זיך צוריק אהיים מיט אירע קינדערלעך ווייטער צו ניצן איר וואונדער מאשין, נישט כאפנדיג אז די פענסטערס זענען אפן און אלע האלטן מיט די גרויס אנגעצויגענקייט וואס שטארט ארויס פון די הויז וואס איז ווייט פון שמייכלעך, אלס מיט די אויסרייד צו פטור ווערן פון 'א משהו חמץ'. שוין לאמיר נישט רעדן ווייטער כדי אביסל צו פארמינערן פון די בושות.

זיצן נאך אפאר שכנים אין די רינגעלע, און איך פרעג רבקה "אפשר שפירסטו זיך נישט גוט? דו זעסט אויס צו זיין זייער איבערגעשטרענגט, און די אטעמסט אזוי שווער".

איז זי מודה אז זי בלייבט טאקע זיצן דא אינדרויסן ווייל עס באפאלט איר א שוואכקייט ווען זי טראכט פון אריינגיין. אזוי ווי עס איז דער מנהג ערב פסח צו מסדר זיין אלע שענקלעך, האט זי געזאגט פאר איר גויטע זאל אויספאקן אלע קאך קעבינעטס און אויסוואשן. בליקט זי אריין אין קאך און עס ווערט איר שווארץ פאר די אויגן! טיש, בענקלעך, קאונטערס און פלארס, זענען איין גרויסע געמישאכטס פון יעדע סארט כלי, עסן, חפצים, און אלעס וואס זי האט שוין לאנג פארגעסן אז זי פארמאגט אפילו!

דא קומען שוין אהיים די קינדער, זי וויל יא זיין די רואיגע געטרייע מאמע מיט די גרייטע נאכטמאל, און נישט חס ושלום מאכן די קינדער פאר א קרבן פסח. פון די אנדערע זייט קען זי אפילו נישט אנהייבן צוריקצופאקן, ווייל א חלק פון די וועלטס 'פסח מנהגים' איז צו גיין קויפן די ריכטיגע ארגענייזונג קאנטעינערס צוגעפאסט צו יעדע קעבינעט, אז נאך פסח ווען מ'עפענט צוריק די חמץ קאך, קען מען קוקן און זאגן WOW!!!

וואס טוט מען דא???

בלייבט די רואיגע שמייכל אויפן פנים, און די איבעריגע סטרעס קריכט אריין. ער דרוקט זיך אויס אין שווערע רייסנדע רוקן ווייטאג; און אומפארמיידבארע באמבעדיגע קאפ שמערצן.

צוביסלעך, אלע שכנים ווערן פארנומען און מוזן זיך טרעפן צוריק ביי די ארבעט אינדערהיים. אבער איך קען סייווי נישט טון עפעס מיט מיינע צוויי בעבים, בלייב איך אינדרויסן זיך אפגעבן מיט זיי. קען איך אביסל מצמצם זיין מיינע געדאנקען.

איך האב נאך גאנץ ווייניג ערפארונג צו קענען געבן עצות פאר די פארלוירענע ווייבלעך וואס ווילן באמת זיין גוט, אבער עס איז שוין א שטיק צייט וואס איך האב זיך אנגעזאפט מיט שכל'דיגע שיעורים פון דער ראש ישיבה, און וויפיל איך האב פארשטאנען מוז זיין ס'דא א וועג וואס די תורה האט אויסגעשטעלט - א מהלך וואס איז זיס - וואס נעמט ארום דעם מענטש מיט אמונה און ליבשאפט.

זיץ איך מיר אזוי דא אליינס מיטן אייבערשטן און מיינע צוויי קינדערלעך, איך קוק ארויף צו די קלארע בלויע הימל, און אראפ צו די געמישט ברוינע און גרינע גראז וואס וויל שוין אנהייבן שפראצן און ווערן רייף. ווער קען מיר מאכן קלאר מיין צומישטע עמפינדליכע מח וואס וויל זיין רייף?

מיט מיין גאנצע הארץ און נשמה וויל איך זיין נאר גוט און טון נאר וואס דער אייבערשטער הייסט. אלעס בין איך גרייט אוועקצוגעבן אז מיין שטוב זאל ווערן אראפגעשטעלט מיט די ריכטיגע יסודות. איז דא אבער א אנדערע צד וואס ווערט אנגערופן געוואוינהייט וואס איז איינגעקריצט און שווער צו אויסרייסן.

עס איז איין מאל א יאר וואס יעדע ווינקל אין הויז גלאנצט...

איין מאל א יאר וואס די שענקלעך באקומען א גרונטליכע אונטערזיכונג...

איין מאל א יאר וואס יעדע פאליצע באקומט ריכטיגע קאנטעינערס...

איין מאל א יאר וואס שפילצייג ווערט סארטירט...

בקיצור יעדע חפץ באקומט א בכבוד'יגע

# דעם רבינ'ס מעדעצין

ארט.

און איך, די מאמע ווערט Approved זיך איינצושרייבן אין די 'ספר ה'נארמאל'.

און אזוי רוקט זיך די הייליגע יום טוב נענטער, ווען איך פרוביר צו זיין גוט אויף אלע פראנטן און פאלגן וואס דער ראש ישיבה לערנט. סיי זיין א רואיגע מאמע, סיי זיין א גוטע ווייב מיט גרייטע נאכטמאל יעדע נאכט, סיי זיין אויפגעלייגט און פרובירן נישט צו נעמען סטרעס, אבער אויך פון די אלטע געוואוינהייט אז די הויז מוז ווערן מסודר. איך זע נישט בשום אופן קיין אנדערע אויסוועג. אויב נישט יעצט ווען דען???

די יאר איז פארלאפן
מער עצות פון די שיעורים געטראפן
די מח שוין אביסל מער אפן
א חלק פון אלטע געוואוינהייטן אנטלאפן

דאס יאר איז שוין אביסל מער קאלירפול און אינטערעסאנט 'ערב פסח סעזאן אין קימפעטארן היים', דאנק'נדיג און לויבנ'דיג אויף די ליכטיגע נשמה'לע וואס דער אייבערשטער האט מיר געשאנקן, ארומנעמען און קושן.

דארט אין קימפעטארן היים איז נישט בנמצא די שארפע זייף גערוכן אדער קולות פון וואונדער מאשינען, נאר עס הערט זיך צערטלדיגע ארויסרופן "ביטע קום צום עס-זאל וואס איז גרייט מיט א ווארעמע מאלצייט", וואס די אנגענעמע גערוך קומט דיר אנטקעגן מיט גרויס עהרע און כבוד, ווען דו באגעגענסט א רייך געדעקטע טיש, און יעדע פארציע איז קונצליך אהערגעשטעלט, אמאל איז די פאטעטא א שיינע בלום, און אמאל איז די פלייש א געקונצלטע טורעם.

נאר דאן ווען דו ביזסט שוין גוט אנגעזעטיגט מאכט מען די וועג צו די נורסערי, דורכשפארצירנדיג די גלאנציגע אויסגעפוצטע זאלן און קארידארן, און מען טרעפט זיך שאקלען אויף די ווייכע ריקליינערס, באטראכטנדיג און טשעטשקענדיג זיך מיט די new borns.

מאך איך א שנעלע חשבון לויט די שכל וואס איך האב שוין אנגעיאגט צו קונה זיין פון דער ראש ישיבה'ס שיעורים דורכאויס די יאר, און עס איז מיר קלאר אז דאס וויל דער אייבערשטער יעצט פון מיר - איך זאל ארייננאטעמען רואיג און enjoyen יעדע מינוט כדי איך זאל זיין די שטארקע געמוטיגטע מאמע וואס איז גרייט צו מוטיגן אנדערע.

זייענדיג זיכער מיט מיין וועג, הער איך זיך צו צו די דוסקוציע ארום מיר; רחל רופט זיך אן צו שבע "דו זעסט אויס ווי א happy camper, דו לויפסט אזוי פון איין זאך צו די צווייטע אן צו רוען א מינוט, ווי אזוי מאכסטו דאס?".

"אויש!" געבט שבע א שווערע קרעכטס פון וואס עס רייסט זיך ארויס די שווערע לאסט וואס זי קען קוים טראגן אויף אירע שוואכע פלייצעס. "א קעמפער זאגסטו? די אלטע זיסע זכרונות פון קעמפ איז מיר שוין לאנג טיף באגראבן אינטער מיינע פילע דאגות וואס איך קען קוים דורכטראגן".

שבע האט זיך געדינגען די טייערסטע רום אין קימפעטארן היים פאר די לענגסטע צייט וואס איז שייך - ווייל זי קען זיך עס ערלויבן, און יעדע מינע בארואינגונגס וויטאמין אויפן מארקעט האט זי באשטעלט - ווייל זי קען זיך עס ערלויבן. די גויטע גייט יעדן טאג צו איר אהיים מאכן פסח'דיג - ווייל זי קען זיך עס ערלויבן.

אבער אפילו אביסל פון די רואיגקייט איז נישט מצליח אריינצוטראפן אין איר. מאך איך א שטילע תפילה "אייבערשטער העלף איר און אויך אסאך אנדערע דא, זאלן זוכה זיין צו הנאה האבן פון דעם צדיק'ס מעדעצין, עס זאל אין זיי אריינטראפן די קלארע שכל וואס מ'קען נישט קויפן פאר געלט".

דערציילט שבע ווייטער אז זי איז גארנישט מוותר פון איר יערליכע גרונטליכע 'פייסעח מאכן', אירע אלע שכנים וועלן שטוינענן צו זען אז אפילו זי האט א פיצי בעבי גייט אלעס אן, זי איז געהעריג "נארמאל".

בשעת מעשה רופט אריין איר מאן אויפן טעלעפאון און זי גיבט אים אנווייזונגען ער זאל דיסקאנעקטן די וואש מאשין און דרייער, און עס אוועקריקן פון פלאץ כדי די גויטע זאל דארט פסח מאכן. ווי א וואויל קינד טוט ער אלעס, מיט די האפענונג ער זאל שוין זוכה זיין צו א באפרידיגטע ווייב. נאכדעם רופט זי די שכן זאל שיקן איר אינגל זאל גיין צוזאמען מיט איר אייגענע אינגל אויסליידיגן די סטאריזדש אין בוידעם, כדי די גויטע זאל עס קענען אויסוואשן. נאכדעם רופט זי די גויטע און איז איר מסביר ווי אזוי און וואס צו טוהן, מיט די האפענונג אז די תם קאפ זאל אלעס פארשטיין, און חס ושלום נישט פארלעצן די אנווייזונגען. איר מאן רופט צוריק אז ער האט געוואלט מאכן א סורפריז - וואשן די וועש, און די גויטע זאל נאך אניאגן אלעס צו צאמלייגן. איר מאן ציטערט צו רעדן ווייטער וואוסנדיג וואס קומט "די וואסער איז ארויס פון די וואשן מאשן, מאכנדיג א קריאת ים סוף אויף די 'פייסעח געמאכטע' וואש צימער, ווייל איך האב פארגעסן צוריק צו קאנעקטן די פייפ צו די אפלויף פייפ אין די וואנט"!!!

די פנים פון שבע האט אנגעהויבן בייטן קאלירן בשעת זי הייבט אן גיין ווילדערהייט אהין און צוריק. עס האט אויסגעזען ווי די לאסט אויף איר פלייצע ברעכט איין אזוי ווי די Twin tower וואס האט זיך געגעבן א לייג צאם און ארויף אין פלאמען, ווען די עראפלאן האט געגעבן א זעץ אריין. איר טרום פון זיין געהעריג נארמאל צוברעקלט זיך אזוי אונטער אירע געלונגענע הענט.

ווי א מלכות'דיגע באפוצטע טארט, וואס איז דורכגעפאלן און צוקוועטשט אן קיין נוצן; פאלט זי אריין אין איר רייכע פריוואטע צימער.... אייבערשטער העלף איר....

ליינט ווייטער קומענדיגע וואך אם ירצה השם



ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת
אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש
געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

PLUMBING SERVICE
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

**Linen Boutique**
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers** is our brand

**Gift certificates** are welcome!

Please contact **Breindy Tyrnauer**
**347-228-2931**
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754




Luxury beautiful 4 bedroom apartment to rent out in Shtatel for passover
Please call
845-866-6764

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

חי׳ וועבערמאן תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:










פייגי בוים תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:








# קליין און שיין



משפחת וועבערמאן - קרית ברסלב


אליעזר שלמה שטיינבערג נ"י - קרית ברסלב

אהערגעשטעלט א מגילה


נחמן נתן שניטצלער נ"י - וויליאמסבורג

א איד רוהט זיך אפ מיט א עצתו אמונה


חיים טייטלבוים נ"י - קרית ברסלב


טשארני און פייגי שניטצלער תחי' - קרית ברסלב

לעכט לכבוד שבת קודש


אברמי קרויס נ"י - קרית ברסלב



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# טרעף

## די פאלגענדע ווערטער...

דער רבי
האט געזאגט
אויב מ'לערנט
זיין ספר קען
מען ווערן א
גרויסע בעל
תשובה

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | כ | ד | ט | פ | ל | ה | נ | ל | ד | פ | ק | ס | ד |
| ז | ש | ת | ב | ר | י | ג | כ | ג | פ | ו | ס | מ | ד |
| ק | ע | ס | י | ט | ה | נ | ס | ת | א | ה | ע | ש | ה |
| ג | ו | ז | צ | ר | מ | י | ג | ט | נ | ב | ח | ז | ר |
| ח | ו | ו | ג | ט | ס | ר | ת | ע | ת | ס | ש | ח | ה |
| ר | ב | י | ע | ח | מ | ג | מ | ז | ז | ע | ק | י | א |
| א | ג | ש | ק | ר | ב | א | פ | ד | ר | א | כ | ש | ת |
| כ | כ | כ | ה | כ | נ | ל | ס | ש | א | ש | ג | ש | ס |
| ק | ט | ל | צ | ט | פ | ק | מ | י | ס | צ | ו | ט | ד |
| צ | ד | ד | א | ב | ש | ס | ע | ב | ת | ב | ל | ר | נ |
| ח | ל | מ | ד | ה | ז | י | י | נ | ה | נ | ע | ז | ס |
| ש | א | ט | ש | ס | י | א | פ | ר | ט | ד | ס | ל | פ |
| ת | צ | ד | כ | מ | ב | צ | ט | ג | ש | נ | י | ו | ר |
| נ | פ | ז | ג | י | ב | א | ס | א | כ | ת | ו | מ | כ |
| ב | ג | ס | ו | ג | ה | ד | ג | מ | ל | ע | ר | נ | ט |
| ח | פ | א | ח | ב | ו | ק | ק | כ | מ | ט | ג | ד | מ |

# טרעף

## די וועג פון איין זייט קעסטל צום צווייטן...





# לאמיר שפילן
# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 | 1 | | | | |
| | | 6 | | | |
| 3 | | | 4 | 2 | |
| | | | | 6 | |
| | 4 | | 1 | | |
| | | | | | 5 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | | | | 3 | 5 | | |
| | | 5 | 2 | 8 | 4 | | | 1 |
| 1 | | | 6 | 5 | | | 8 | |
| 5 | 4 | | | 6 | | 8 | 1 | |
| | 8 | 1 | 5 | | 9 | 7 | 2 | |
| | 9 | 6 | | 7 | | | 3 | 5 |
| | 5 | | | 9 | 8 | | | 2 |
| 4 | | | 7 | 3 | 6 | 9 | | |
| | | 8 | 1 | | | | 4 | |

# ספר המדות
## פאר קינדער

**אמת - חלק שני**

**ז. הָאֱמֶת מֵבִיא שֹׂבַע.**

**אֱמֶת בְּרֶענְגְט זֶעט, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הוּנְגֶער.**

# חידות
## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן שושן פורים:**

**א. איז נאך גרעסער פון פורים**
**ב. איז נאמאר פורים**
**ג. איז אויך פורים**
**ד. איז אזוי ווי יום כיפורים**

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: די וואס וועלן קומען צו מיר פאר די זיבן וועלן גיין צו די חתונה מיט א ריינע העמד**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**פייגי שטראססער תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו אייער נאמען צו 845-379-1161

האוסטו דורך געלערנט

# עצתו אמונה

## פרשת תצוה?...

### פון רעכטס צו לינקס

3. ____ געבט דער אייבערשטער
6. זאגט ____ תהלים יעדן טאג
8. נוץ אויס דיינע יונגע יארן מיט ____ תורה
9. זיי שטארק מיט זיך אפגיסן נעגל וואסער ____ביים בעט
10. ____ ____ איז פאר יעדן איינעם
11. מיט׳ן רבינ׳ס עצות איז דאס לעבן איין ____ גן עדן
16. אז עס איז דיר ____, מאך זיך ליכטיג, נעם אריין דעם אייבערשטן אין זיך
18. בעטס דעם ____ אלעס וואס איר דארפט
19. אז מען ____ פונעם אייבערשטן, פארלירט מען אלעס
22. נעם אריין דעם אייבערשטן אין דיר, וועט אלעס זיין ____
23. וואס מער מען איז פריילין, אלץ מער ווערט מען ____ פון צרות און יסורים
24. ווי נאר מען נעמט אריין אמונה אין זיך, ווערט ____, אלעס איז גוט

### פון אויבן אראפ

1. די סגולה פון ____ איז העכער אלע סגולות
2. מען דארף זיך כסדר ____ ביים רבי׳ן, נישט זיין אלט
4. ____ ____ וועט דיך אפהיטן פון אלעם שלעכטס
5. דאנקט דעם אייבערשטן פאר ____ וואס ער טוט מיט אייך
7. דער אייבערשטער שטייט נעבן דיר, ער ____ אויס יעדעס ווארט
12. די ____ יארן איז די שענסטע צייט פון לעבן
13. דאס לעבן איז גאר אנדערש ווען מען לערנט א ____ גמרא
14. דער אייבערשטער איז מיט מיר, ביי מיר און ____ מיר
15. ווי און ____ איז דער מענטש וואס שטייט אויף זיינע רעכטן
17. אז מען ____ דעם רבי׳ן, קומט מען אן צו זייער שיינע זאכן
19. טון וואס מען קען נאר צו זיין ____
20. מען דארף זיך אנגרייטן מיט תורה, תפלה און ____ מעשים
21. אלע ____ קומט נאר פון דעם וואס מען איז נישט פריילין






# בילדער

## אפטיילונג



קרעדיט: יואל ראזנבערג

דער דיין שליט"א באזוכט אין מצה בעקעריי - ג' תצוה



קרעדיט: יואל ראזענבערג

די פילע מצה באקסעס אין ברסלב'ע מצה בעקעריי




קרעדיט: אשר יעקב בלום

מעשה'לעך פון קינדערלעך יו עס בי קארטלעך
אנגעקומען אין בית הדפוס - ג' תצוה



קרעדיט: העניך אינדיג

א בליק אינעם אפיס פון קרית ברסלב בלעטל



קרעדיט: זושא פריעדמאן

די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג
און שטעטלביים ציון פון הרה"ק מריבניץ זי"ע - ד' תצוה



קרעדיט: זושא פריעדמאן

די קינדער ביים עסן און דערנאך דאווענען מנחה אין בית המדרש היכל הקודש מאנסי - ד׳ תצוה



קרעדיט: אליעזר שמן

די קינדער ביים זיך צוגרייטן צו גליטשן אין די שניי - ד׳ תצוה



קרעדיט: יוסי פרערויא

שיעור ליל ששי תצוה אין היכל הקודש לעיקוואד



קרעדיט: אלי ציג



קרעדיט: יוסי פרערויא

ביי די חתונה פון החתן שמואל זיינוויל גרינבוים הי״ו - ליל ששי תצוה אין לעיקוואד



קרעדיט: יצחק איידיק ראטה

משלוח מנות פאר די שטאטישע באאמטע אין ליבערטי



קרעדיט: בערל שניטצלער

מזל טוב טאוולען פאר רבי שניטצלער פון כיתה א׳ אין שטעטל, צו די נייע מיידל בעבי למזל טוב



קרעדיט: משה ראזענבערג



קרעדיט: משה ראזענבערג

שמחת התנאים פון החתן שמעי' וואקס נ"י אין טבריי
בהשתתפות הרב רבי יצחק לעססער שליט"א



קרעדיט: שלמה האממער





קרעדיט: שלמה האממער

שבע ברכות פאר החתן בנימין ווײלדי נרו יאיר - ב' תצוה





קרעדיט: שמואל אייזיק פערל





קרעדיט: שמואל אייזיק פערל

תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים ביים באזוכן א
פאבריק ווי מען מאכט תפילין



קרעדיט: שמעי' פיש

שבת התוועדות מיט די בחורים - שבת תצוה - זכור



קרעדיט: לייבי ראטה

משלוח מנות פאר די תומכים פון בית הדפוס




# פון וואו נעמט מען?!

75


WALK IN OUR SHOES
Step into
better quality
Come check out our massive selection of the finest footwear for men and children. Our experienced fitters look forward to greeting you.
We carry a big selection of mens shoes
UPPER SHOES
EST 2023
73 Huschke Rd, Liberty, NY 12747
845.662.8423
יואל וועבערמאן
sruliheskel@gmail.com